בעז"ה

# מחשבות

מחשבות און געדאנקען אין עבודת השי"ת

פרשת קרח

גליון קנ שנה ד





בהוצאת
יו"ר מכון מחשבת החינוך
המחנך הנפלא
הרב שלמה טייטלבוים שליט"א


# וואס איז די בעסטע צו טוהן אין אזא פאל?

"ויקח קרח בן יצהר בן קהת בן לוי ודתן ואבירם בני אליאב ואון בן פלת בני ראובן"

די תורה דערציילט אונז דא מיט א גרויסע אריכות איינע פון די פארוויטיגסטע מעשיות וואס כלל ישראל האט מיט געליבט אין מדבר, קרח וואס איז געווען פון די גדולי ישראל גייט ארויס אין א מחלוקת אנקעגן משה רבינו און אהרן הכהן, ער נעמט מיט מיט זיך צוויי הונדערט און פופציג פון די גרויסע רבנים און דיינים, וואס שטיצן אים אונטער, דאס געבט א שטארקע כח צו זיינע טענות אז אזוי פיל דיינים שטייען אונטער אים, דאס איז גענוג שטארק צו ווייזן די כח פון קרח וואס ער האט געהאט אין זיינע טענות, אבער צו וואס איז אונז וויכטיג צו וויסן אז און בן פלת און דתן ואבירם זענען אויך מיט געגאנגען מיט אים? וועלכע חשיבות האבן זיי אז זיי ווערן דא בכלל דערמאנט לעבן די אלע אנדערע גדולים וואס האבן דא אנטייל גענומען אין די מחלוקת? ווער זענען זיי בכלל? אפאר ליידיגייערס, איז פארוואס רעכנט מען זיי דא בכל אריין צווישן אלע גדולים?

ווען קרח איז ארויס מיט די גרויסע מחלוקת האט זיך כלל ישראל צוטיילט אויף אפאר פארטייען (אזוי ווי ס'איז באקאנט פון דער הייליגער ישמח משה) א חלק האבן געהאלטן אז משה איז גערעכט א חלק האבן געהאלטן אז קרח איז גערעכט און א חלק זענען געבליבן אין די זייט נישט וויסנ'דיג וואס צו טוהן און מיט וועמען צו גיין, זאגט דארט דער אייבישטער פאר משה: "הבדלו מתוך העדה ואכלה אותם כרגע", און מ'דארף דא פארשטיין פארוואס? פארוואס זאל כלל ישראל זיין חייב מיתה? זיי האבן דאך טאקע נישט געוואוסט וואס צו טוהן? זיי האבן געזעהן פוןביידע זייטן גרויסע מענטשן הייליגע צדיקים זיי זענען טאקע געווען צומישט, ווי אזוי קען מען קומען צו זיי מיט טענות?

נאך מער:

די משנה אין אבות פרק ה' זאגט: "כל מחלוקת שהיא לשם שמים סופה להתקיים ושאינה לשם שמים אין סופה להתקיים, איזוהי מחלוקת שהיא לשם שמים זו מחלוקת של הלל ושמאי, ושאינה לשם שמים זו מחלוקת של קרח וכל עדתו" - די משנה לערנט אונז אויס אז א מחלוקת וואס איז לשם שמים אזוי ווי די מחלוקת פון הלל און שמאי האט א קיום און ס'איז א ריכטיגע זאך, אבער א מחלוקת וואס איז נישט לשם שמים אזוי ווי די מחלוקת פון קרח ועדתו האט נישט א קיום און ס'איז נישט א ריכטיגע זאך.

דאס הייסט אז חז"ל לערנען אונז אויס אין די משנה ווי אזוי זיך צו פירן ווען ס'איז דא א מחלוקת, און אויב ס'איז א מחלוקת אזוי ווי הלל און שמאי וואס איז קלאר א מחלוקת לשם שמים איז דאס א ריכטיגע זאך מ'זאל נעמען א חלק אין דעם, און אויב ס'איז א מחלוקת אזוי ווי קרח ועדתו זאל מען זיך דערוואטערן פון דעם.

לכאורה איז שווער צו פארשטיין די משנה, ווייל די גאנצע זאך וואס מיר ווייסן אז די מחלוקת פון קרח איז געווען נאר לשם כבוד און ס'האט געשטאמט פון קנאה, דאס איז וואס מיר ווייסן יעצט, נאך ווען ער איז שוין איינגעזינקען אין די ערד און נאך מ'האט געשריבן די אלע מדרשים, אבער בשעת מעשה האט דאך קיינער נישט געוואוסט פון דעם, קרח האט דאך נאר גערעדט פון "כל העדה כולם קדושים" קרח האט דאך נאר גערעדט פון עבודת השם אין הייליגע רצונות און שאיפות, קרח איז אליין געווען א הייליגער מענטש פון די וואס האבן געטראגן דעם ארון, און ער האט געהאט מיט זיך חתימות פון צוויי הונדערט און פופציג דיינים אז ער איז גערעכט, איז פארוואס זאל איינעם איינפאלן אז קרח איז נישט גערעכט? ווי אזוי קענען אונז פון דעם ארויס לערנען אויף אנדערע מחלוקת'ן צו וויסן וואס איז לשם שמים און וואס נישט?

נאך מער וואס איז די לשון פון די משנה מחלוקת "שמאי והלל" און נישט בית שמאי און בית הלל, און אזוי אויך מחלוקת "קרח ועדתו" און נישט מחלוקת קרח ומשה?

*

ירושלים תרע"ג

שווערע צייטן זענען געקומען אויפ'ן שטאט, די וועלט האט זיך צו געגרייט צו א מלחמה וואס איז שפעטער באקאנט געווען מיט'ן נאמען "די ערשטע וועלט'ס קריג" די טערקישע וואס האבן געוועלטיגט אויף ירושלים האבן פארמאכט די וועג'ן אריין און ארויס, סאלדאטן האבן זיך ארום געדרייט אין די גאס'ן און צושטערט די רוהיגע לעבן, מענטשן זענען געווען זייער אנגעצויגן און דערשראקן

אסאך געשעפטן האבן זיך פארמאכט ווייל ס'איז נישט געווען קיין קונים, ווער אינטערעסירט זיך אין נייע מעביל אדער אין נייע קליידער אינמיטן א מלחמה, די איינציגסטע געשעפטן וואס זענען געבליבן אפען זענען געווען די עסן געשעפטן, אבער דארט זענען אויך נישט געווען אסאך קונים, סיי ווייל ס'איז נישט געווען קיין סחורה, און סיי ווייל די עולם האט נישט געהאט געלט מיט וואס צו קויפן.

אויב דער מצב איז אזוי געווען פאר די גאנצע שטאט, איז פאר די יידישע עולם דער מצב געווען נאך

## דבר העורך



ס'איז באקאנט די שאלה וואס רש"י פרעגט "קרח שפקח היה מה ראה לשטות זו"? ווי קומט צו דער קלוגער קרח צו מאכן א זעלכע נארישקייטן?

ס'איז אמאל אריין א יונגערמן צו רבי גד'ל אייזנר און זיך באקלאגט אויף זיין בעל הבית ביי די ארבעט וואס איז אויך געווען א תלמיד פון ר' גד'ל, וואס פלאגט אים און דערגייט אים די יאהרן.

האט אים ר' גד'ל דערציילט: נישט לאנג צוריק בין איך געווען בי א לויה, און איך טרעף דארט א באקאנטער יוד וואס איז געשטאנען לעבן די מיטה און געוויינט מיט שרעקליכע קולות.

איך פארשטיי אז די ביסט געווען זייער נאנט מיט'ן נפטר – האב איך אים געפרעגט נאכ'ן לויה.

ניין, בכלל נישט – האט ער מיר געענטפערט – איך ווייס אפילו נישט ווי יענער הייסט.

איז וואס האסטו אזוי געוויינט דארט? – האב איך אים געפרעגט.

איך וועל דיר זאגן די אמת – האט ער מיר געענטפערט – א שעה פאר דעם האב איך באקומען א פאון קאול אז די א גרויסע השקעה מיינע פון אסאך מיליאנען האט געקראכט און די געלט איז פארלוירען געגאנגען, איך בין געווען אויס מענטש און איך האב מיך נישט געהאט ווי אויס צו געבן, איך בין ארויס אויפ'ן גאס און פונקט האב איך געזעהן א לויה מיט מענטשן וויינען, בין איך דארט צו געגאנגען און מיך צו וויינט אויף מיינע צרות.

זאלסטו וויסן – האט ר' גד'ל צו געענדיגט – איך קען דיין בעל הבית, ער מיינט גאר נישט דיר, ער איז פשוט פאר'צרה'עט און ער לאזט דאס ארויס אויף דיר, נאך אפאר טעג וועט זיך דאס בארוהיגן.

ווען כלל ישראל איז געווען אין מדבר סיני - זאגט דער רמב"ן – האבן זיך געדרייט אסאך פארביטערטע מענטשן אין כלל ישראל, בכורים וואס מ'האט זיי אוועק גענומען די בכורה, לוויים וואס האבן געוואלט א בעסערע שטעלע, און צווישן די אלע איז אויך געווען קרח וואס האט געוואלט זיין א נשיא, אבער זיי האבן אלע געוואוסט אז ס'לוינט זיך נישט צו עפענען די מויל קעגן משה ווייל די עולם האלט מיט אים, זענען זיי געזעצן שטיל און זיך אויף געגעסן דאס הארץ.

אבער יעצט נאך די מעשה פון די מרגלים ווען ס'איז געווען די גזירה אז מ'גייט בלייבן נאך פערציג יאהר אין מדבר, און די עולם איז געווען זייער צובראכן, האט קרח געמיינט אז יעצט וועט ער קענען אויסניצן די געלעגנהייט און יעצט וועט די מרידה אין משה מצליח זיין.

ללמדנו אז ווען די ביטערקייט און די קנאה פירן דעם מענטש, קען אויך דער גרעסטער חכם אנקומען צו מאכן די גרעסטע נארישקייטן, און דאס מסביר זיין מיט די שענסטע תירוצים.

**א גוטן שבת**

שווערע, אנשי ירושלים וואס זענען געזעצן על התורה ועל העבודה, און געווען אנגעוויזן אויף די "חלוקה" אויף די געלט וואס די כוללים אין חוץ לארץ האבן אריין געשיקט, זענען געבליבן אן קיין פרוטה לפורטה, די שליחים האבן נישט געקענט ארויס פארן, און די וואס זענען געפארן האבן נישט געקענט צוריק קומען, די געלט וואס מ'האט געשיקט אויפ'ן פאסט איז אנגעקומען אבער צו די טערקישע גנבים, און די ירושלימ'ער יודען זענען געבליבן הונגעריג כפשוטו, אן קיין שום וועג ווי אזוי צו קויפן עסן.

ר' שלום איז געווען רוהיג, ער האט זיך נישט געזארגט פון ווי ער וועט האבן עסן, יאהרן לאנג האט ער זיך צו געגרייט צו דעם מצב, ער האט אלעמאל מורא געהאט אז די חלוקה וועט זיך אמאל אפ שטעלן, הויך אויף די ברוינע שאפע וויט פון די הענט פון די קינדער און פון אנדערע שלעכטע אויגן האט ר' שלום געהאט א קליינע פושקעלע און יעדע וואך ווען ער איז צוריק געקומען פון כולל מיט די חלוקה געלט האט ער אוועק געלייגט איין פרוטה אין די קליינע פושקעלע ס'זאל זיין על כל צרה שלא תבוא.

נישט לאנג צוריק ווען מ'האט אנגעהויבן צו הערן שמועות אויף א מלחמה האט ר' שלום אראפ גענומען די קליינע פושקעלע געציילט די געלט, און דאס אויס געטוישט פאר א גאנצע נאפאליאן פון גאלד, דאס איז געווען גענוג צו קויפן עסן פאר א גאנצע יאהר.

ר' שלום האט ארויף געלייגט די גאלדענע נאפאליאן אויבן אויפן שאפע, און פראבירט זיך א עצה צו געבן ווי ווייט ס'וועט גיין אן דעם, "דאס וועט מען לאזן ביז מ'וועט נישט האבן קיין ברירה - האט ער געטראכט ביי זיך.

פון די מינוט וואס דער קליינער משה'לע האט געזעהן ווי זיין טאטע לייגן די געלט אויף די שאפע, האט ער נישט געקענט אויף הערן צו טראכטן פון דעם, שוין לאנג חלומ'ט ער אויף א פיינע נאש וואס ער וועט זיך אמאל קויפן ווען ער וועט האבן געלט, און יעצט ווייסט ער שוין פון ווי מ'קען האבן געלט, אויבן אויף די שאפע איז דא געלט.

און איין טאג האט משה'לע אויס געפירט זיין חלום, ער איז ארויף אויפ'ן שאפע גענומען דאס געלט און ארויס געלאפן צו די געשעפט פון רחמים זיך צו קויפן א נאש אזוי ווי ער חלומ'ט שוין לאנג.

אין די זעלבע צייט אין די צווייטע עק שטאט:

לייבל איז ארויס פון שטוב צובראכן און צושאסן, אינדערהיים האט ער זיך געמוזט האלטן שטארק די קינדער זאלן מיינען אז זיי האבן א שטארקע טאטע און זיך בארוהיגן, אבער ער האט געוואוסט די אמת אז ער האט זיי נישט וואס צו געבן, און ער האט נישט פון ווי צו קויפן עסן, און אזוי ווי די לעצטע צוויי טעג האבן זי נישט געהאט וואס צו עסן מסתמא וועלן זיי היינט אויך מוז'ן גיין שלאפן הונגעריג.

אבער ער האט נישט געקענט צו הערן זייער געוויין, ער האט נישט געקענט צו קוקן די טרויערדיגע הונגעריגע אויגן פון די קליינע קינדער וואס האבן שוין נישט געהאט כח צו וויינען, האט ער האט זיי צו געזאגט אז ער גייט ברענגען עסן און ער איז ארויס פון שטוב.

לייבל האט זיך געדרייט אין די גאסן פון ירושלים אהין און צוריק און נישט געוואוסט וואס צו טוהן, ער האט שוין נישט קיין כח זיך ארום צו דרייען אבער ער קען נישט אהיים קומען אן ברויט, ער קען נישט אהיים קומען צו זיינע קליינע קינדערלעך מיט ליידיגע הענט.

זיין קאפ שווינדעלט אים פון הונגער און פון זארג, אן ער טרעפט נישט א עצה וואס צו טוהן מיט זיך, און פלוצלינג קומט אים א קעגן משה'לע.

ער קוקט אויף דער קליינער יינגעל וואס לויפט מיט אזא פרישקייט, מסתמא האט דער יינגעל גוט צו עסן און שטוב - טראכט לייבל ביי זיך.

משה'לע דערנענטערט זיך צו לייבל, און לייבל באמערקט אז דער קינד האלט א גאלדענע נאפאליאן אין זיינע הענט.

ווי גייסטו יינגעלע? - פרעגט אים לייבל.

איך גיי קויפן א נאש - ענטפערט משה'לע מיט גלאנציגע אויגן.

אזוי?! א נאש?! מיט א נאפאליאן אין די האנט - וואונדערט זיך לייבל - מסתמא איז זיין טאטע א גרויסער גביר, אויב ער קען געבן פאר זיין קינד א נאפאליאן צו קויפן נאש, ס'וועט אים גארנישט שאטן אויב אזוי, אויב איך וועל מיר בארגן אביסל געלט פון אים.

קום נאר אהער - זאגט לייבל פאר משה'לע - א נאש קויפט מען מיט א אנדערע געלט, נישט מיט אזא געלט.

נעם דיר דא א געלט פאר א נאש - גיבט אים לייבל זיין לעצטע פרוטה ארויס - און גיב מיר די אנדערע געלט.

משה'לע וואס האט נישט צו פיל פארשטאנען האט גלייך געטוישט מיט לייבל די געלט און ווייטער געלאפן צו רחמים'ס געשעפט צו קויפן די נאש.

ביי נאכט ווען ר' שלום איז אהיים געקומען איז ער צוגעגאנגען צו די שאפע זעהן זיין נאפאליאן, און ס'איז אים געווארן שווארץ פאר די אויגן, די געלט איז נישטא.

נאך קורץ אויספרעגן די קינדער האט ער שוין געהערט אז משה'לע האט זיך היינט געקויפט א נאש מיט די געלט.

ר' שלום איז ארויס געלאפן צו רחמים אהיים מיט א גרויסע בייזקייט.

היתכן? - האט ר' שלום געשריגן - נעמען פון א קינד א גאנצע נאפאליאן פאר א נאש?

איך האב נישט גענומען א נאפאליאן פון דיין קינד - האט זיך רחמים פארענטפערט - ס'איז געווען א פרוטה, איך קען דיר אפילו זאגן אז ס'איז געווען אינגאנצן צוריבן און איך אין אנהייב אים נישט געוואלט פארקויפן.

ס'קען נישט זיין - האט ר' שלום געשריגן אויף אים מיט א בייזקייט - ער האט גענמען דעם נאפאליאן און גלייך געקומען צו דיר קויפן.

איך ווייס נישט וואס ער האט גענומען און וואס ער האט געמאכט - האט רחמים צוריק געשריגן - איך ווייס נאר וואס איך האב באקומען.

די קולות זענען ארויף העכער און העכער, א שיינע עולם האט זיך ארום גענומען ארום זיי, יעדער האט געהאט וואס אריין צו זאגן, א חלק האבן זיך אריין געמישט צו העלפן פאר ר' שלום, אנדערע האבן זיך שוין דערמאנט אז רחמים איז נישט דער גלייכסטער מענטש אויף די וועלט, און די גאנצע געגנט האט געפלאקערט.

ר' שלום האט גערופן רחמים צו א דין תורה.

באגלייט מיט א גרויסע עולם פון נייגעריגע חברה, זענען זיי אנגעקומען אין בית דין, אבער אלע האבן געמוזט בלייבן אינדרויסן, אין בית דין זענען אריין נאר ר' שלום און ר' רחמים, וואס האבן פארגעשטעלט זייערע טענות.

ביסט מודה אז זיין זוהן משה'לע איז געווען ביי דיר נעכטן - האבן בית דין געפרעגט.

יא - ערנטפערט ר' רחמים.

און ביסט מודה אז ער האט געקויפט ביי דיר א נאש און באצאלט?

יא - ענטפערט ווידער ר' רחמים.

דאס הייסט אז דו ביסט מודה במקצת, ביסט מודה אויף א חלק פון די טענה און די לייקנסט אפ די אנדערע חלק, אויב אזוי איז די הלכה - האט בית דין גע'פסק'נט - אז דו דארפסט דיך שווערן אז דו האסט באקומען נאר א פרוטה און נישט א נאפאליאן.

מיט גרויס צער און מיט טרערן אין די אויגן האט זיך ר' רחמים געשוואוירן ביי בית דין אז ער האט באקומען נאר א פרוטה פאר די נאש.

ר' שלום און ר' רחמים זענען ביידע ארויס צובראכן פון בית דין, ר' שלום אויף די געלט וואס ער האט פארלוירען און ר' רחמים אויף דעם וואס ער האט געמוזט שווערן כדי זיך צו רייניגען פון א חשד.

אויב ר' רחמים האט געמיינט אז ער האט מיט דעם געענדיגט, האט ער זייער שנעל פארשטאנען אז ער האט געהאט א גרויסע טעות.

ס'געווען ווער ס'האט געזארגט צו דעמאנען די עולם אז ר' רחמים איז נישט דער גרויסער צדיק פון שטאט, און אויך ביי זיין מעהל האט מען שוין אמאל געטראפן ווערעם, און בכלל ווער ווייסט וויפיל געלט ער מאכט אויף אונז מיט זיין געשעפט, און זיי האבן שוין ארויס געלאזט שמועות אז די בית דין האבן אויך נישט אינגאנצען געהאלטן אז ער איז פטור, זיי האבן געזארגט יעדן טאג ארויף צו טרעטן מיט פרישע נייעס וואס וועט ווידער אויף וועקן די מעשה יעדן טאג פון ניי.

ס'איז אריבער אפאר חדשים און אויף די טיר פון ר' שלום קלאפט א יוד.

ער עפנט די טיר און לייבל קומט אריין, מיט אראפ געלאזטע אויגן בעהט ער צו רעדן מיט ר' שלום שטילערהייט.

איך וויל מיך מתוודה זיין אויף א שרעקליכע זאך וואס איך האב געטוהן - זאגט

המשך בעמוד ד'

# שאלות ותשובות

**שאלה:** איך בין א בחור אין ישיבה, איך פראביר צו זיין א גוטער בחור און ס'איז מיר זייער שווער, ווען איך בין געווען אין חיידער איז געווען אפאר קינדער וואס האבן מיר געפאניגט און גע'רודף'ט זייער שטארק, און ביז יעצט שפיר איך אז איך קען נישט ארויס קריכן פון די ווייטונג און מיך דערהייבן פון דעם, וואס קען איך טוהן?

## תשובה:

קודם כל וויל איך דא ארויף ברענגען די נקודה אז ס'איז וויכטיג יעדער וואס ליינט דאס זאל טראכטן ביי זיך און באמערקן ער זאל חלילה נישט זיין פון די רודפים פון אנדערע קינדער אין בחורים, וואס אסאך מאל זעהט עס אויס אז מ'מאכט אביסל חוזק פון א צווייטער און ס'איז נאר א וויץ, און ס'איז נישט אזוי געפערליך און יעדער פארשטייט במילא נישט וואס ס'טוהט זיך מיט אים, איז זאל יעדער איינער וויסן און פון דא אפ לערנען אז ס'איז נישטא אזא זאך אז יענער שפירט נישט, און אויך ווען יענער לאכט מיט ווייל ער שעמט זיך צו ווייזן אז ס'טוהט אים וויי, איז דאס קלאר אז יענער ווערט געטשעפעט, און אסאך מאל פארלירט ער יאהרן פון שטייגן אין תורה, עבודת ה' אדער אין לעבן וועגן אפאר ווערטער וואס א חבר האט געזאגט, און אזוי ווי ס'שטייט אין הייליגן חת"ם סופר אז אין די ענינים צאלט מען אפ שוין אויף דער וועלט.

ולענינו: איינע פון די סיבות וואס א מענטש שלעפט מיט אויף זיך א ווייטונג פון אסאך יאהרן איז די מחשבה וואס ער האט אין קאפ די גאנצע צייט, "סוואלט נישט געדארפט געשעהן" פארוואס האט מיר יענער דאס געטוהן" א.א.וו. דאס זענען מחשבות וואס לאזן נישט צו פאר דעם מענטש אראפ צו שלינגען די מעשה, משלים זיין אז דאס איז עס, און גיין ווייטער.

כל זמן א מענטש איז נישט משלים מיט די פראבלעם וואס ער האט געהאט (דאס איז אין יעדע פראבלעם נישט נאר מיט חברים) כל זמן דער מענטש נעמט עס נישט אן אלץ א חלק פון די לעבן און ער איז מסכים דאס איין צו שלינגען און ווייטער גיין, וועט אים דאס וויי טוהן און צושטערן זיין לעבן.

די ספּיציעלע שוועריגקייט וואס א מענטש האט ביי משלים זיין און אקסעפטן א פראבלעם וואס איז אים געשעהן דורך א צווייטער מענטש איז ווייל דער מענטש טראכט ביי זיך אז אויב איך וועל משלים זיין מיט דעם און דאס איינשלינגען און ווייטער גיין איז לכאורה פשט אז איך מאך יענעם גערעכט מיט די שלעכטע זאך וואס ער האט געטוהן, און דאס וועל איך קיינמאל נישט מסכים זיין.

למה הדבר דומה צו א מענטש וואס איז געגאנגען אויפ'ן גאס אין א שטארקע רעגן, ער איז שנעל געלאפן און ער האט נישט באמערקט און ער האט זיך אויסגעגליטשט אין א בלאטע, ער איז יעצט אינגאנצן שמוציג פון קאפ ביז פיס, פארשטייט זיך אז ער וועט שנעל לויפן טוישן קליידער ווייל ער קען נישט אזוי ווייטער גיין מיט'ן טאג.

און וואס וועט געשעהן אויב דער מענטש האט זיך נישט אויס געגליטשט נאר א קאר איז אריבער געפארן לעבן אים און אים אנגעשפריצט מיט בלאטע פון קאפ ביז פיס? וועט ער אויך אהיים גיין טוישן קליידער אדער ער וועט זיך דרייען מיט די שמוציגע קליידער ווייל יענער איז שולדיג און יענער האט אים שמוציג געמאכט.

אזוי איז אויך אין די געפיהלישע בלאטע, יענער האט מיר שמוציג געמאכט מיט בלאטע, יענער האט מיר פארשעמט און געטשעפעט, יענער איז זיכער נישט בסדר, אבער וועגן דעם זאל איך בלייבן שמוציג?! ווייל יענער איז שולדיג און יענער איז נישט בסדר זאל איך נישט טוישן קליידער און בלייבן מיט זיין שמוץ א גאנצען לעבן?!

דאס וואס איך וועל אוועק לייגן די גאנצע ווייטונג אויף די זייט, און ווייטער גיין אין לעבן איז נישט א ראיה אז איך האב מסכים געווען אז יענער האט געמעגט מאכן וואס ער האט געמאכט, סאיז אויך נישט א ראיה אז איך געב צו אז יענער איז געווען גערעכט, דאס איז נאר א ראיה אז איך פארשטיי אז אויך ווען יענער האט מיר שמוציג געמאכט און ער איז נישט גערעכט מוז איך נישט בלייבן שמוציג איך מעג טוישן קליידער און ווייטער גיין צו מיין וועג, און יענער? ס'וועט נאך אפשר אמאל קומען א געלעגנהייט דאס אויס צו גלייכן מיט אים.

דאס אז פאר מיין אייגענע טובה לוינט זיך מיר צו איינשלינגען די מעשה, און אקסעפטן אז ס'איז געווען שלעכט ס'האט וויי געטוהן, דאס איז טאקע א חלק פון מיין לעבן, אבער מ'גייט ווייטער.

נאך א וויכטיגע נקודה וואס מיר דארפן פארשטיין, דער אייבישטער האט דא באשאפן א וועלט און ער פירט עס מיט א פונקטלכע חשבון, יעדער מענטש וואס קומט אראפ אויף די וועלט איז פונקטליך אויסגערעכנט ווען ער זאל קומען און ווען ער זאל גיין ווי ער זאל וואוינען און ווי ער זאל לעבן, מיט וועלכע מענטשן ער זאל זיך טרעפן און וועלכע שיינע אדער שווערע צייטן ער זאל אדורך לעבן, דאס איז אויס גערעכנט אויף א פונקטליכע אויפן פון סעקונדעס מיט מינוטין.

דאס הייסט אז ס'איז געווען אויסגערעכנט פון הימל אז ווען איך וועל זיין אלט אכט נייו יאהר זאל איך האבן צער אין עגמת נפש, איך זאל האבן טרויריגע טעג אין נעכט, ווי אזוי דאס זאל געשעהן? און ווער זאל זיין דער וואס זאל מיר פייניגן? דאס האבן זיי געהאט א בחירה, די קינדער האבן געהאט א בחירה אויב צו זיין גוט אדער שלעכט, דאס איז זייערע נסיונות וואס מיט דעם האבן זיי זיך געדארפט א עצה געבן, דאס האט נישט צו טוהן מיט מיר, ווען זיי וואלטן זיך מתגבר געווען אויף זייערע נסיון וואלט איך דאס געכאפט פון א אנדערע פלאץ, מיט אנדערע ווערטער איך האב געדארפט געביסן ווערן, ווער ס'זאל זיין דער הונט וואס וועט מיר בייסן דאס האבן זיי זיך אויסגעוועלט צווישן זיך, איז נעבעך די קינדער וואס האבן אויסגעוועלט צו מאכן די שליחות פון דעם הונט אויפ'ן וועלט.

אבער יעצט נאך ווען די מעשה איז שוין געשעהן איז די בחירה ביי מיר אויב איך זאל בלייבן שטעקן אין די מעשה אויב איך זאל זיין נעבעך און גערעכט, אדער איך זאל מיך אויס שאקלען און פארשטיין אז אפילו ס'איז געווען שלעכט און נישט גערעכט און... וועהל איך אויס צו טוישן די קליידער און זיין ריין און נישט צו בלייבן גערעכט מיט שמאציגע קליידער נאר ווייל יענער איז שולדיג און נישט איך.

מיט אנדערע ווערטער איך דארף אויס וועלן אויב צו בלייבן גערעכט אדער צו זיין קלוג.

מסקנת הדברים:

**א. דער אייבישטער פירט די וועלט מיט א פונקטליכע חשבון, וואס אונזער שכל קען דאס נישט פארשטיין.**

**ב. יעדע גוטע אדער שלעכטע זאך וואס ס'איז מיר געשעהן אין לעבן, וואלט מיר במילא געשעהן אויך אן די חברים.**

**ג. פאר מיין טובה לוינט זיך מיר צו "אקסעפטן" אז וואס ס'איז געווען איז געווען, און ווייטער אן גיין מיט'ן לעבן.**

**ד. דאס וואס איך גיי ווייטער אין לעבן זאגט נישט אז איך בין נישט געווען גערעכט אין וואס זיי האבן געטוהן.**

**הצלחה רבה!!**

לכבוד ידידי עוז הר"ר שלמה טייטלבוים שליט"א

אשריך שזכית להפיץ הגליון "מחשבות" ולקיים המאמר אימתי קאתי מר לכשיפוצו מעינותיך חוצה.

איך האב געזעהן אין פרשת שלח אין די שו"ת אראפברענגען די אור החיים הקדוש אין פרשת ויחי "כפי מספר הניצוצות שרייבסט דארט אז יעדע מענטש באקומט יעדן טאג א ניצוץ פון זיין נשמה וואס געהערט נאר צו דעם טאג (און ער האט נאר דעם טאג צו פארעכטן דעם חלק הנשמה)

איך האב געוואלט צו לייגן א הערה אויף דעם: דער אור החיים הקדוש זאגט אז די רבש"ע האט געמאכט אז יעדע נאכט ווען מען שלאפט לייגט מען אוועק אין א פייל אזוי ווי א רואה חשבון אלע גוטע זאכן וואס ער האט געטוהן אין יענעם טאג און קיינער קען אים דאס נישט צו נעמען מען קען דאס נישט קאליע מאכן און נישט צו לייגן אויף דעם, די רבש"ע האט אבער געטוהן א חסד אז תשובה צו טוהן צו פארעכטן די אלטע דאס קען מען אפילו שפעטער אויך.

צבי ישעי' שטערן

בהרה"צ ר' אברהם שמואל זצ"ל ר"י תו"ח לונדון -היטשין

## המשך מעמוד ב'

לייבל פארשעמט - און דערציילט פאר ר' שלום ווי אזוי ער האט אויף געטוישט די געלט מיט זיין קליינער קינד, איך האב נישט געהאט א ברירה האט ער זיך צו וויינט מיינע קינדער האבן געהאלטן ביים אויסגיין פאר הונגער און ס'איז געווען פאר מיר ממש א מצב פון פיקוח נפש.

איך האב אויך נישט געוואוסט ווער דער קינד איז - האט זיך לייבל אויסגערעדט - נאר נאך ווען ס'איז געווארן א גערידער אין די גאנצע שטאט האב איך פארשטאנען אז איך בין דא שולדיג.

איך האב געשאפט די גאנצע געלט - זאגט לייבל - און איך בין דאס געקומען צוריק געבן.

ר' שלום אי געווען א ערליכער יוד און צוזאמען מיט לייבל איז ער צו געגאנגען צו ר' רחמים אים איבער בעטן, ר' שלום האט זיך נישט געקענט בארוהיגן ביז ער האט נאך אמאל געשלעפט ר' רחמים צו בית דין זיי זאל'ן וויסן די אמת'דיגע מעשה וואס ס'האט זיך דא אפ געשפילט, און דארט פאר אלע האט ער איבער געבעטן ר' רחמים אויף די חשדות וואס ער האט געהאט אויף אים.

ווען מ'טראכט אריין אין די מעשה - האבן די דיינים געזאגט - זעהט אויס אז ר' שלום וועט נישט נענש ווערן אויף וואס ער האט געטוהן, ער האט נישט געדארפט טראכטן אויף אזא ווייטע היכי תימצי אז איינער וועט טוישן די געלט אינמיטן וועג.

ר' רחמים איז דאך קלאר א צדיק וואס האט נאר געליטן און וועט דאך אוודאי באקומען פאר דעם שכר אויבן אין הימל, און אפילו לייבל וואס האט דא אנגעמאכט די גאנצע פראבלעם קען מען אויך נישט אזוי שטארק דן זיין, א יוד וואס דרייט זיך אויסגעהינגערט און צובראכן וואס זיינע קינדער גייען אים אויס פון הונגער האט נישט א ריכטיגע שיקול הדעת צו וואס ער טוהט, און הימל וועט מען זיך זיכער רעכענען מיט אים.

אבער - האבן די דיינים אויסגעפיהרט - די אלע וואס האבן זיך דא אריין געמישט, די אלע וואס האבן זיך צו געשטעלט צו זארגן פאר די "אמת" און פאר די ישרות, די אלע וואס האבן זיך אריין געמישט לשם שמים, און אנגערייצט די מחלוקת אין די גאנצע שטאט, זיי וועלן נישט ארויס גיין ריין מדינה של גהינום.

*

ווען רש"י הייבט אן צו מפרש זיין די פרשה איז אונז רש"י מקדים "פרשה זו יפה נדרשת במדרש רבי תנחומא" רש"י מיינט נישט דא צו געבן א קאמפלימענט פאר רבי תנחומא, דאס איז נישט דער דרך פון רש"י אזוי צו שרייבן. נאר רש"י וויל אונז דא זאגן אז יעדע פרשה קען מען לערנען אויף א וועג פון פשט אדער אויף א וועג פון דרש, בדרך כלל פאסט מער אריין די פשט אין די ווערטער פון פסוק און דער דרש מוז מען אביסל אריין קוועטשן ס'זאל שטימען מיט די ווערטער, אבער ביי אונז - זאגט רש"י - פרשה זו יפה נדרשת, דא שטימט עס אסאך בעסער ווען מ'לערנט דאס לויט דעם דרש, ווייל לויט די פשוט'ע פשט איז זייער שווער צו פארשטיין ווי קומט צו א זעלכע גרויסע מענטשן ווי קרח און זיין געמיינדע צו מאכן אזא גרויסע נארישקייט און זיך קריגן קעגן משה און קעגן דער אייבערשטער.

כלל ישראל שטייט און קוקט צו און ווייסט נישט וואס צו טוהן, ס'ברענט דא א פייערדיגע מחלוקת צווישן גדולי עולם, יעדער איינער האט טענות און ערקלערט ווי שטארק ער איז גערעכט, וואס טוהט מען? ווי אזוי קען מען וויסן ווער איז גערעכט? ווי אזוי האט דער יוד אין מדבר געקענט באשטעטיגן וואס צו טוהן? דערציילט אונז די תורה "ודתן ואבירם בני אליאב ואן בן פלת" די לידיגייערס זענען מיט געגאנגען מין קרח, אויב ס'זעהט דיר אויס א ריכטיגע און א ערליכע מחלוקת און די ווייסט נישט וואס צו טוהן קוק דיר ערשט ארום מיט וועמען גייען די שקצים, לויט דעם וועסטו קענען וויסן ווי נישט צו גיין.

דאס איז געווען די טענה אויף כל ישראל, ווען מ'זעהט דתן ואבירם און איין זייט, ווען מ'זעהט דברי ליצנות אין איין זייט, מוז מען וויסן אז די אמת ליגט אין די אדערע זייט, די אמת ליגט נישט ביי די ארחי פרחי און נישט ביי די ליצנים, וואס זייער גאנצער ענין איז נאר צו פארגרעסערן די פייער פון די מחלוקת, און וועגן דעם האט דער אייבישער געזאגט פאר משה "הבדלו מתוך העדה" און זיי געוואלט פארלענדן.

לויט דעם פארשטייט מען אויך וואס משה האט געענטפערט פאר דער אייבישטער "א-ל אלקי הרוחות לכל בשר" רבש"ע דו ווייסט דאך די מחשבות פון די מענטשן און זעהסט דאך אז זיי זענען טאקע צומישט, זיי ווילן טאקע זיין ערליכע יידן אבער זיי ווייסן נישט ווי אזוי זיך ארום צו קוקן און ווי אזוי צו וויסן ווער ס'איז גערעכט, און וועגן דעם דארף מען א שטארקע סימן אלע זאל'ן דאס קלאר זעהן און שפירן.

זאגט אונז די משנה אין פרקי אבות אזא מחלוקת וואס איז אזוי ווי די מחלוקת פון "קרח ועדתו" נישט א מחלוקת פון "קרח ומשה" ווייל קרח אין זיין עדה זענען אויך געווען צוקריגט צווישן זיך ווייל יעדער איינער האט געמיינט אז ער איז דער וואס דארף זיין כהן גדול מצד גדלותו נאר כדי זיך אקעגן צו שטעלן קעגן משה האבן זיי געמאכט ביז דערווייל שלום צווישן זיך, און וויבאלד דאס האט נישט געהאט אין זיך קיין שום ברעקל פון לשם שמים און קיין שום אחיזה אין אמת, האט זיך דאס אזוי שנעל געענדיגט.

אבער זאלסט נישט מיינען - זאגט אונז די משנה ווייטער - אז נאר אין אזא מחלוקת מעגסטו דיך נישט אריין מישן, אבער און אנדערע ערנסטע מחלוקת'ן קען מען זיך יא אריין מישן ווייל ס'איז דאך לשם שמים, ווייל דו ווייסט וועלכע מחלוקת הייסט לשם שמים וואס מ'מעג זיך אריין מישן נאר א מחלוקת פון "הלל ושמאי" פון א זעלכע צוויי גדולים וואס זיי האבן נישט געהאט אפילו א ברעקל נגיעה און די מחלוקת, די משנה שרייבט נישט "בית הלל" "בית שמאי" ווייל אפילו זייערע תלמידים וואס זענען געווען קדושי עליון האבן געהאט א קליינע ברעקל נגיעה אויף צו ווייזן אז זייערע רבי איז גערעכט, און אפילו פאר אזא קליינע נגיעה איז דאס שוין א מחלוקת וואס ס'האט נישט א קיום, און מ'דארף זיך דערווייטערן פון דעם.

נאר א מחלוקת וואס איז הונדערט פראצענט אמת אן קיין שום ברעקל פון א נגיעה אזוי ווי מחלוקת "הלל ושמאי" קען מען זיין א חלק פון דעם און סופה להתקיים, אבער יעדע אנדערע פאל מוז מען זיך דערווייטערן אזוי ווי פון פייער ווייל מ'קען נאר שאדן האבן פון דעם.

07341.479.294
khachinuch@gmail.com
36 Castewood RD.N16 6DW

הגליון יוצא לאור ע"י
**מכון מחשבת החינוך**
הדרכה • יעוץ • הכוונה
לונדון יצ"ו